# פרשת ויצא א׳ – ז׳ כסלו תשע״ה לפ״ק

***יום ראשון פרשת ויצא***

בשעות אחר הצהרים השתתף **רבינו שליט״א** אצל המעמד קבלת פנים רבתי שהתקיים לכבודו של **כ״ק גאב״ד ירושלים שליט״א** על פני רחוב טעילאר סט. בעת המעמד השמיע **רבינו שליט״א** מדברות קדשו, וקידם בדברי ברכה את **כ״ק הגאב״ד שליט״א**.

***וזה תוכן דבריו:***

**ישעיה** הנביא זאגט (ישעיה מט-יח), שאי סביב עיניך וראי, הייב אויף דיינע אויגען און קוק דיך ארום, כולם נקבצו באו לך, אלע זענען זיך צוזאמגעקומען צו דיר. די ווערטער זענען זייער פאסיג ווען מען שטייט דא ביי דעם מעמד קבלת פנים פארן גאב״ד פון די עדה החרדית, דער שר צבא ה׳, וואס איז שומר דעם גחלת הקודש, דעם משמרת הקודש, אין ירושלים עיר הקודש. אלע קרייזען פון יהדות החרדית זענען זיך צוזאמגעקומען מקבל פנים זיין דעם גרויסן גאון, גדול במעשים, וגדול במדות טובות, וואס איז יעצט דא ביי אונז אין שטאט, ביי די יעצטיגע געלעגנהייט. מיר אלע קומען געבן חיזוק פארן רב זאל זיין געזונט, וואס האט אויף זיך גענומען דעם עול, און ער שטייט אין ראש פונעם עדה החרדית, וואס קעמפט אקעגן די אלע גזירות רעות וואס איז ליידער דא אין ירושלים עיר הקודש, און אין גאנץ ארץ ישראל. זאל אים דער אייבערשטער געבן כח אנצופירן מיט זיין עבודת הקודש, מיט לאנגע געזונטע יארן.

*

**עס** שטייט די וואך אין די פרשה, ויצא יעקב מבאר שבע, יעקב איז ארויסגעגאנגען פון ארץ ישראל, פון באר שבע, וילך חרנה, און ער איז געגאנגען קיין חרן. און רש״י זאגט, פארדעם שטייט ויצא יעקב, אז יעקב איז ארויסגעגאנגען, שיציאת צדיק מן המקום עושה רושם, ווען א צדיק גייט אוועק פון א מקום דערקענט זיך א רושם. בזמן שהצדיק בעיר, ווען דער צדיק איז אין די שטאט, הוא הודה, הוא זיוה, הוא הדרה, איז ער דער פראכט, און דער שיינקייט פון די שטאט. יצא צדיק מן העיר, ווען דער צדיק גייט אוועק פון די שטאט, ווען יעקב אבינו איז ארויסגעגאנגען פון חרן, פנה הודה, פנה זיוה, פנה הדרה, איז אוועקגעגאנגען דער שיינקייט, און דער פראכט וואס דער שטאט האט געהאט.

**דער** הייליגער **חתם סופר** שטעלט זיך, און ער פרעגט, אברהם אבינו איז אויך אוועקגעגאנגען פון זיין מקום. דער אייבערשטער האט אים געזאגט, לך לך מארצך וממולדתך ומבית אביך אל הארץ אשר אראך (בראשית יב-א), ער האט אויך איבערגעלאזט זיין מקום, און פארוואס געפינט מען נישט אז די תורה זאל מרמז זיין ביי אברהם אבינו, אז יציאת צדיק מן המקום עושה רושם, און די תורה שרייבט עס נאר דא ביי יעקב אבינו.

**דער** הייליגער **חתם סופר** זאגט, אז צו פארשטיין אז א צדיק איז דער הוד און דער זיו און דער הדר פון די שטאט, מוז ער זיין ארומגענומען מיט ערליכע יודן, וואס זיי פארשטייען וואס עס מיינט אן ערליכער יוד. זיי פארשטייען די עבודה פון א צדיק, אז דער צדיק איז מגין אויף די שטאט מיט זיין צדקות. אבער ווען עס איז דא א שטאט וואס איז נישט ארומגענומען מיט ערליכע יודן, פארשטייען זיי נישט, וואס דער שיינקייט פון דעם צדיק איז, און וואס עס פעלט ווען דער צדיק איז נישט דארט.

**אברהם** אבינו איז געווען איין צדיק אין די וועלט, אחד היה אברהם (יחזקאל לג-כד), און ווען ער איז אוועקגעגאנגען פון חרן איז נישט איבערגעבליבען דארט קיינער וואס זאל פארשטיין וואס אברהם אבינו איז געווען, אז מען זאל באוויינען אז אברהם אבינו גייט אוועק. עס איז נישט געווען קיינער וואס זאל פארשטיין, אז דער צדיק איז דער הוד און דער זיו און דער הדר פון די שטאט. אבער ווען יעקב איז ארויסגעגאנגען פון באר שבע, איז דארט איבערגעבליבן א יצחק און א רבקה, און זיי זענען געווען די אמת׳דיגע מבינים אויף יעקב אבינו, און זיי האבען געוויסט אז ווילאנג יעקב איז אין די שטאט, איז דאס דער הוד און דער זיו און דער הדר פון די שטאט. איז די תורה מרמז ביי יעקב, ויצא יעקב, אז ווען יעקב איז ארויסגעגאנגען פון די שטאט פנה הודה, פנה זיוה, פנה הדרה.

**איך** האב געזען אמאל שטיין נאך א חילוק, וואס איז געווען צווישן אברהם אבינו און יעקב. אוודאי ווען א צדיק גייט ארויס פון די שטאט איז פנה הודה פנה זיוה, דער צדיק איז דער הוד פונעם מקום. אבער עס קען זיך אמאל דאכטען, אז דאס איז נאר ווען עס איז דא איין צדיק אינעם מקום, דעמאלטס דערקענט זיך ווען ער גייט אוועק, אז עס פעלט דער הוד. אבער ווען עס איז א שטאט וואס איז מלאה צדיקים, עס איז דא דארט נאך ערליכע יודן, און איין צדיק איז אוועקגעגאנגען פון דארט, פעלט נישט פונעם הוד פונעם שטאט, ווייל די שטאט איז נאך געבענטשט מיט אסאך שיינקייט פון די אנדערע צדיקים. וויל אונז די תורה מגלה זיין, ניין, אפילו ווען א צדיק לאזט איבער אין די שטאט אנדערע צדיקים, פון דעסטוועגן דאך, איז יעדער צדיק ווען ער גייט ארויס פון זיין מקום, איז פנה הודה, פנה זיוה, פנה הדרה. ווייל יעדער צדיק פארמאגט א געוויסע שיינקייט וואס ער האט מיט זיך, און דאס פעלט ווען ער גייט ארויס פון שטאט.

**ווען** אברהם אבינו איז ארויסגעגאנגען, איז אוודאי געווען פנה הודה, פנה זיוה, ווייל ווען האט ער איבערגעלאזט אין זיין מקום, נאר עוברי עבירה, איז א וודאי אז עס פעלט דער הוד פון אברהם אבינו. מען וועט אבער מיינען, אז ווען יעקב איז ארויסגעגאנגען, און עס איז איבערגעבליבען אין די שטאט אזא שיינע צירונג, יצחק אבינו און רבקה אמנו, איז אפילו יעקב איז נישט דארט, איז נישט אוועקגעגאנגען דער הוד פונעם שטאט. וויל די תורה פארציילן, ניין, דו זאלסט וויסען, אז אפילו מען לאזט איבער א יצחק און א רבקה, אבער ווען יעקב גייט ארויס, איז פנה הודה, פנה זיוה, פנה הדרה.

**און** דער ביאור דערפון איז, ווייל א יעדער צדיק האט א געוויסע שיינקייט, א געוויסע מעלה, וואס אן אנדערער צדיק האט נישט. יעדער איינער ווערט נתעלה אין א געוויסע שטריך אין גדלות און אין קדושה, וואס ער פארמאגט מיט א געוויסען זין, מער פון א צווייטן צדיק. אז מען זאל אנכאפן אברהם, יצחק, און יעקב, וואס אלע זענען דאך געווען אויסערגעוועהנליך גרויס. אלקי אברהם, אלקי יצחק, ואלקי יעקב. אבער די מדות מיט וואס זיי האבען ארויסגעשטארט, איז ביי יעדן געווען אנדערש. אברהם איז ארויסגעשטאנען מיט זיין מדת החסד, וואס יצחק און יעקב האבען נישט געהאט אין זיך די מדה וואס איז געווען אין אברהם. יצחק איז ארויסגעשטאנען מיט זיין עמוד העבודה, ויצא יצחק לשוח בשדה (בראשית כד-סג). יעקב איז ארויסגעשטאנען מיט זיין עמוד התורה, איש תם יושב אהלים (שם כה-כז).

**ווען** אברהם און יצחק זענען צוזאמען אין שטאט, און אברהם לאזט איבער די שטאט, און יצחק בלייבט דארט איבער, עס איז טאקע געבליבען א צדיק אין די שטאט, אבער די שיינקייט פון די מדת החסד פון אברהם פעלט. און ווען יצחק און יעקב דארפן זיך אפטיילן, און יצחק איז געבליבן דארט, עס איז טאקע געבליבן אין די שטאט דער עמוד העבודה, אבער עס פעלט די שיינקייט פון יעקב, וואס איז געווען א איש תם יושב אהלים. יעדער צדיק האט א געוויסע שיינקייט אין זיך, א געוויסע מעלה, און א מדרגה, וואס דער צווייטער פארמאגט נישט. און יעדער גיבט צו, צו די שיינקייט פון די שטאט. און ווען עס איז יצא צדיק מן העיר, ווען יעקב איז ארויסגעגאנגען פונעם שטאט, איז פנה הודה, פנה זיוה, פנה הדרה.

*

**ירושלים** עיר הקודש איז א שטאט וואס איז מלאה חכמים וסופרים, אנגעפילט מיט תלמידי חכמים און ערליכע יודן, בעלי מסירת נפש, שייף עייל שייף נפיק, ירושלים איז א הערליכע שטאט. מיט וואס שטייט ארויס אונזער רב, דער גאב"ד זאל זיין געזונט. וואס איז זיין שיינקייט אין די שטאט, בזמן שהצדיק בעיר הוא הודה הוא זיוה הוא הדרה, מיט וואס איז ער דער הודה. די שיינקייט פונעם רב איז, זיין צוגעלאזענקייט, און זיין ענוות חן, וואס ער האט אין זיך, די בחינה פון עניו מאד מכל האדם, וואס ער איז צוגעלאזן, פון אן אדם גדול ביז צו א יונגערמאן וואס זיצט און לערנט, ביז א בחור'ל און א קינד, יעדן איינעם איז ער מקבל מיט א סבר פנים יפות, צו יעדן איינעם האט ער אזא פשטות, וואס מיט דעם איז ער אן אויסנאם, וואס מען זעהט נישט צווישן גדולי ישראל און חכמי ישראל זאלן פארמאגען אין זיך

די מדה. דאס איז דער הודה, און דער זיוה, און דער הדרה, וואס ירושלים פארמאגט מיט דעם רב, וואס ער איז דער פראכט פון די שטאט.

**אבער** עס קען זיין אז דאס קען מען נאך אויך טרעפן. מען קען נאך טרעפן תלמידי חכמים וואס זענען שייף עייל ושייף נפיק, ולא מחזיקו טיבותא לנפשיה. אבער אז אין די זעלבע צייט וואס ער פארמאגט אין זיך די געוואלדיגע מדה פון ענוה, קעמפט ער ווי א לייב, ווען מען דארף זיך אויפשטעלן אקעגן די שונאי ישראל. **ווען עס איז דא יעצט אזא ממשלה אין ארץ ישראל, וואס יודן האבען עס נאכנישט מיטגעמאכט זייט מען געפינט זיך אונטער די ממשלת הרשעה, וואס זיי פארלייגען זיך אפענערהייט, עוקר צו זיין תורה און מצות, אונטערצודריקען די יהדות החרדית מיט די גזירות. איז עס גיוס בני ישיבה, איז עס דאס וואס מען וויל אריינברענגען לימודי חול אין די לימודי קודש, און עס איז נאך דא א לאנגע ליסטע אויסצורעכענען די אלע גזירות, איז אונזער רב דער וואס שטייט בראש כל מערכות ישראל. פון איין זייט האט ער אין זיך די געוואלדיגע מדה פון זיין ענוות חן, און פון די אנדערע זייט קעמפט ער ווי א לייב צו אלעס וואס איז נוגע פאר קדושת ירושלים. דאס איז הוא הודה, הוא זיוה, הוא הדרה. מיט דעם איז ער אין בדומה לו, ער האט נישט איבערגעלאזט אין די שטאט נאך אזא כח, וואס זאל פארמאגען אין זיך ביידע שטריכן צוזאמען, סיי די ענוות חן וואס דאס איז פערזענליך, און פאר תורה און עבודת ה' קעמפט ער ווי א לייב, און ער שטעלט זיך ארויס, און ער שטייט בראש, אקעגן די וואס זענען פורצי גדר, און ער פירט די מלחמה אקעגן זיי מיט א יד חזקה.**

**די** גמרא זאגט (יומא כב:) כמה לא חלי ולא מרגיש גברא דמריה סייעיה, א מענטש וואס דער אייבערשטער געבט אים הילף, און ער האט סייעתא דשמיא. שאול באחת ועלתה לו, דוד בשתים ולא עלתה לו. דער פשוטער פשט אין די גמרא איז, שאול האט חוטא געווען איין חטא אקעגן דעם אייבערשטן, און ועלתה לו, עס האט אים געשאדט, און מען האט אים צוגענומען די מלוכה. דוד בשתים, דוד האט געהאט צוויי חטאים, און דער אייבערשטער האט אים פארקוקט, ער איז געווען א גברא דמריה סייעיה. און זיין מלוכה איז געבליבן לעולמי עד, דוד מלך ישראל חי וקיים (ר"ה כה.).

**עס** שטייט אין הייליגע ספרים, שאול המלך איז געווען א געוואלדיגער ענוות רוח, עס שטייט אין פסוק (שמואל א י-כז), ויבזהו, מען האט מבזה געווען שאול המלך, ויהי כמחריש, און ער איז שטיל געווען. ער האט נישט געקוקט אויף זיין כבוד, און ער איז געווען שטיל. שאול איז געווען באחת, ער האט נאר געהאט אין זיך איין מדה, דאס איז די מדה פון ענוה ושפלות רוח. אבער דוד בשתים, דוד האט געהאט אין זיך ביידע מדות. דוד איז געווען ביי זיך צובראכן, ואנכי תולעת ולא איש (תהלים כב-ז), ער האט גזאגט אויף זיך, אז ער איז נישט מער ווי א ווערימל. ביי זיין פערזענליכן לעבן, איז ער געווען א ענוותן ווי א תולעת, ער איז געווען ביי זיך צובראכן, אזוי ווי א קליין ווערימל. אבער ווען עס איז געקומען מלחמה צו האלטן מיט די שונאי ישראל, האט ער אויסגעשריגן, הלא משנאיך ה' אשנא, ובתקוממיך אתקוטט, איך שטעל זיך ארויס, זיך צו קריגן מיט די משנאי ה', תכלית שנאה שנאתים, לאויבים היה לי (שם קלט-כא).

**דוד בשתים, דוד האט פארמאגט ביידע מדות. פון איין זייט איז ער געווען צובראכן ביי זיך ווי א תולעת, און פון די אנדערע זייט איז ער געווען דער קעמפער אקעגן די שונאי ישראל. - דאס איז אונזער רב, דער גאב"ד זאל זיין געזונט, וואס ער האט אין זיך ביידע כוחות, עס איז דוד בשתים. פון איין זייט האט ער דעם פשטות און צוגעלאזענקייט, וואס איז אין בדומה לו. און פון די אנדערע זייט, שטייט ער בראש מערכות ישראל, און קעמפט אקעגן אלע גזירות, וואס איז דא אין ארץ ישראל.**

**איך** וויל זאגען פארן רב זאל זיין געזונט, שאי סביב עיניך וראי, כולם נקבצו באו לך, איר זאלט וויסען אז די גאנצע יהדות החרדית אין אמעריקא, שטייט אונטערן רוקן פונעם רב, ארויסצוהעלפען מיט דעם קאמף וואס ער איז לוחם מלחמות ה', און דאס וועט געבן כח און חיזוק, ווייטער אנצוגיין מיט דעם כח, אז מען זאל קענען אויפטון וואס מען דארף אויפצוטון. דער אייבערשטער זאל געבן

אז כ"ק מרן הגאב"ד שליט"א יאריך ימים על ממלכתו, דער באשעפער זאל אים געבן ווייטער אויך אסאך כח אויפצוטון להגדיל תורה ולהאדירה, עוד ינובון בשיבה דשנים ורעננים יהיו. דער באשעפער זאל געבן אריכת ימים ושנים, לאנגע און געזונטע יארן, מיט כוחות הנפש, אז מען זאל קענען אויספירן דעם עבודת הקודש, ביז מיר וועלן אלע זוכה זיין אינאיינעם, ותחזינה עינינו בשובך לציון ברחמים, בביאת בן דוד, במהרה בימינו אמן.

*

בשעות הערב נסע **רבינו שליט"א** לסטעטן איילאנד והשתתף אצל הדינער להחזקת הכולל דווילאוברוק העומדת תחת הנהלת גיסו **הגה"צ רבי צבי פאללאק שליט"א** אב"ד גרויסווארדיין (סטעטן איילענד), שהתקיים באולם עקסעלסיער גרענד.

אחר הדינער נסע **רבינו שליט"א** לבארא פארק למסור שיעורו השבועי בשולחן ערוך. לפני השיעור עבר **רבינו שליט"א** ליד החדר הגדול שעל יד בית מדרשנו, שם ישבו ציבור גדול מאנ"ש להבחן בבחינות חבורת 'ובהם נהגה', הבחינה הראשונה על מסכת ברכות. **רבינו שליט"א** נתפעל מאוד למראה עיניו, והביע קורת רוחו למארגני החבורה שכה יזכו לילך מחיל אל חיל להגדיל תורה ולהאדירה ברוב אונים ואמיץ כח.

אחר השיעור בשלחן ערוך (או"ח הל' בית הכנסת סימן קנ"א סעיף ה') חזר **רבינו שליט"א** על חלק מהדברי תורה שהשמיע במעמד הקבלת פנים **לכ"ק גאב"ד ירושלים שליט"א**.

אחר מעריב השתתף **רבינו שליט"א** אצל התנאים של בת הר"ר **מענדל מיללער** הי"ו (ב"פ), עב"ג בן הר"ר **דוד צבי זעלקאוויטש** הי"ו, שהתקיים באולם טאהש.

אחר התנאים חזר **רבינו שליט"א** לוויליאמסבורג והשתתף אצל הבר מצוה של בן הר"ר **שלמה צבי זינגער** הי"ו, שהתקיים באולם מארקיז, ונשא מדברותיו.

***<u>וזה תוכן השיחה:</u>***

**די** וואך אין די פרשה זאגט די תורה הק', אז ווען יעקב אבינו האט זיך אויפגעוועקט, נאכדעם וואס ער האט געזען די מראה הנבואה, אז דער אייבערשטער איז געווען מיט אים, און ער האט געזען אז ער געפונט זיך אינעם מקום המקדש, האט ער גזעזאגט, מה נורא המקום הזה, אין זה כי אם בית אלקים, דאס איז דער בית אלקים, וזה שער השמים (בראשית כח-יז), און דאס איז דער שער פונעם הימעל. די מפרשים שטעלן זיך, פארוואס שטייט צוויי מאל דאסווארט 'זה'. אין 'זה' כי אם בית אלקים, 'וזה' שער השמים, עס וואלט געדארפט שטיין, אין זה כי אם בית אלקים ושער השמים.

**עס** שטייט פונעם **בעל שם טוב הק'** (הובא בספר **כתר שם טוב**), אז די גמרא (שבת לא:) זאגט חבל על דלית ליה דרתא, ותרעא לדרתא עביד, א שאד פאר איינעם וואס האט נישט קיין דירה, אבער ער מאכט א טויער פאר זיין דירה, זאגט די גמרא, אז די תורה דאס איז די טויער אריינצוקומען צו יראת שמים. אויב א מענטש לערנט תורה, און עס פעלט אים יראת ה', איז פונקט ווי ער האט געבויט א שער, א טויער אריינצוגיין, אבער די דירה פעלט אים. די חשיבות פון תורה איז, ווען עס איז דא תורה, און נאכדעם איז דא א דירה, וואס דאס איז יראת שמים, און דורך די תורה גייט ער אריין, און ער ווערט נתעלה אין יראת ה'.

**יעקב** אבינו האט ביז יעצט עוסק געווען אין תורה אין בית המדרש פון שם ועבר, ער איז געזעסן אזויפיל יארן און געלערנט, און דאס איז געווען דער שער, דער תרעא לדרתא, די טויער אריינצוקומען צו יראת ה'. צו יראת ה' האט ער זוכה געווען אינעם מקום המקדש, ווען דער אייבערשטער האט זיך באוויזען צו אים, און ער האט געזאגט מה נורא המקום הזה, דעמאלטס איז ער צוגעקומען צו יראת ה'. האט ער געזאגט, די עיקר פונעם בית איז דא, און דאס וואס איך האב ביז יעצט געלערנט תורה, איז געווען דער שער איך זאל קענען צוקומען צו יראה. און ווען ער איז אויפגעשטאנען האט ער געזאגט, 'מה נורא המקום הזה', די פלאץ איז נורא, עס איז א מקום וואס עס איז שורה יראת ה', און ער האט געוויזען אויף דעם מקום, 'אין זה כי אם בית אלקים', דאס איז די ריכטיגע בית אלקים, דאס איז דער בית, צו דעם דארף א מענטש צוקומען, צו יראת ה'. 'וזה', און דאס וואס איך האב געלערנט ביז יעצט, אין

בית המדרש פון שם ועבר, דאס איז נאר 'שער השמים', דאס איז נאר דער שער צוצוקומען צו יראת שמים. די עיקר חשיבות פון תורה איז, די יראת ה' וואס מען איז קונה אויף דעם מקום.

**עס** איז היינט געווען ראש חודש, און מען האט געזאגט הלל, דוד המלך האט געזאגט (תהלים קיח-יט), פתחו לי שערי צדק, אבוא בם אודה י-ה, די תורה הקדושה ווערט אנגערופן 'צדק', אזוי זאגט די גמרא (חולין פט.), לעולם יעשה אדם עצמו כאלם, א מענטש זאל זיך מאכן ווי ער איז א שטומער, אזוי ווי עס שטייט אין פסוק (תהלים נח-ב) האמנם אלם, אז מען דארף זיין אזוי ווי א אלם. יכול אף לדברי תורה כן, תלמוד לומר צדק תדברון, זעהט מען, אז די תורה ווערט אנגערופן צדק. - תורה האט טאקע א חשיבות, אבער דער עיקר איז אז מען זאל אויך האבן יראת ה'. 'פתחו לי שערי צדק', מען זאל וויסען אז די תורה איז נאר א שער, אז מען זאל קענען אריינקומען צו יראת ה'. 'אבוא בם אודה י-ה', און דורך די תורה זאל מען קענען אריינקומען צו יראת ה'.

**דער** חשובער בר מצוה בחור גייט יעצט אריין לעול המצות, ער איז מקבל אויף זיך עול תורה, און ווי מען האט פריער גערעדט, תורה דאס איז איין חלק, די חשיבות פון תורה איז, אז די תורה זאל נאכדעם אריינפירן צו יראת ה' פשוטו כמשמעו, מורא האבען צו טון אן עבירה, און מורא האבען פונעם אייבערשטען, וואס האט מצווה געווען אויף די מצות פון די תורה.

*

אחר הבר מצוה השתתף **רבינו שליט"א** אצל החתונה של בת **הרה"ג רבי יחזקאל מייזליש שליט"א** אב"ד אוהעל (וומסב"ג), עב"ג בן **הרה"ג רבי שמואל שלמה שפיץ שליט"א** (בן הגה"צ מביסטריץ זצ"ל, ב"פ), שהתקיים באולם ויואל משה. **רבינו שליט"א** רקד עם החתן והמחותנים, והאציל מברכותיו לכל המשפחה.

*

***יום שני פרשת ויצא***

בשעות הבוקר הניח **רבינו שליט"א** תפילין להבחור **יעקב** נ"י בן הר"ר **שלמה צבי זינגער** הי"ו.

אחר כך נסע **רבינו שליט"א** למאנסי והתפלל תפלת שחרית בבית מדרשנו התאחדות אברכים. אחר התפלה התקיים הברית לבן הנולד אצל הר"ר **אברהם געלב** הי"ו. **רבינו שליט"א** נתכבד במוהלות ובברכות וקריאת השם. אחר הברית השתתף בהסעודה ונשא מדברותיו.

***וזה תוכן השיחה:***

**די** וואך אין די פרשה איז דא די לידה פון די שבטי י-ה, וואס יעקב אבינו האט אויפגעשטעלט. עס שטייט אין פסוק (בראשית ל-יא), אז ווען גד איז געבוירן געווארן, האט לאה געזאגט בגד, ותקרא את שמו גד. און רש"י ברענגט מערערע פשטים אויף בא גד. איינס, בא מזל טוב, 'גד' איז א מזל טוב, עס איז געבוירן געווארן א קינד מיט א גוטע מזל. יעדע קינד ווערט געבוירן מיט א גוטע מזל, און דא האט מען געזאגט ספעציעל בא גד, ווייל עס שטייט אין זוהר הק' (ח"א רמד:) אז ווען גד וואלט ווען נישט געווען פון די בני השפחות, א קינד פון זלפה, וואלט ער איבערגעשטיגען אלע שבטי י-ה מיט די מדריגות וואס ער האט געהאט. נאר ווייל ער איז געווען פון די בני השפחות, איז ער נישט צוגעקומען, אז ער זאל קענען אויסנוצען זיינע מדריגות וואס ער האט געהאט אין זיך. בא גד, ווען ער איז געבוירן געווארן איז געקומען א כח פון א גוטן מזל, וואס ער האט געהאט מער פון אלע אנדערע שבטי י-ה. א צווייטן פשט זאגט רש"י, בא גד, ער איז נולד מהול, ער איז געבוירן געווארן געמל'טערהייט. גד איז א לשון פון שניידן, גדו אילנא (דניאל ד-יא). בא גד, ער איז נולד מהול.

**איך** האב געזען אין **חתם סופר** (בתורת משה בפרשתינו קכג.), אז פון בגד פעלט דער אל"ף, עס איז געשריבן נאר ב' ג' ד'. זאגט דער **חתם סופר**, אז גד איז נולד מהול, און עס שטייט אין מדרש אז גד איז געבוירן געווארן שבת. און די הלכה איז, אז פאר א נולד מהול איז מען מטיף דם ברית, אבער שבת איז מען נישט מטיף קיין דם ברית (שבת קלה.), קומט אויס אז געוועגליך מל'ט מען א קינד דעם אכטן טאג, אבער ווען מען דארף מטיף זיין דם ברית, און דער אכטער טאג געפאלט אין שבת, איז מען מטיף דם ברית דעם ניינטן טאג. 'בגד' איז בגימטריא ניין, און 'גד' איז בגימטריא זיבן. בא 'גד', ער איז געבוירן געווארן אין שבת, וואס שבת איז

דער זיבעטער טאג. און 'בגד', דעם ניינטן טאג האט מען מטיף געווען דם ברית, ווייל ווען דער אכטער טאג איז שבת מל'ט מען נאר א קינד, אבער מען איז נישט מטיף דם ברית.

**מען** קען צוגעבן נאך א טעם, פארוואס מען האט אים גערופן גד, א לשון פון גדו אילנא. ווייל גד האט געהאט אין זיך א מעלה מער פון אנדערע שבטים, אז וטרף זרוע אף קדקד (דברים לג-כ). זיי זענען געווען די יוצאי החלוץ, ווען מען איז ארויסגעגאנגען אין מלחמה, איז גד ארויסגעגאנגען די ערשטע, זיי זענען געווען גיבורים און זיי האבן געקענט הרגענען די פיינט וואס זענען אקעגן געקומען. און רש"י ברענגט צו (שם), אז זיי האבן געהאט א גבורה מיט הרגענען די פיינט, אז זיי האבן אראפגענומען די קאפ צוזאמען מיט די האנט אויף איין מאל. וטרף זרוע אף קדקד, מען האט געקענט דערקענען איינער וואס איז געלעגן אויף די ערד, צו איינער פון שבט גד האט אים געהרג'ט. קומט אויס, אז זיי האבן געהאט א מעלה מער פון אלע אנדערע שבטים, מיטן כח החרב. בא גד, עס איז געקומען דער שבט וואס האט אין זיך די מעלה, פון וטרף זרוע אף קדקד, אז ער קען הרגענען די אויבים, און אראפשניידען די קאפ צוזאמען מיט די הענט.

**קען** זיין אז עס האט אויך א שילוב, מיט דעם וואס רש"י זאגט אז ער איז נולד מהול. מען האט גערעדט דא די פאריגע וואך ביי א ברית (ביום ה' פרשת תולדות העעל"ט), וואס עס איז די מעלה פון א קינד וואס איז נולד מהול. וואס איז א נפקא מינה צו מען מל'ט אים שפעטער, צו ער איז געבוירן געווארן געמל'טערהייט. אפשר איז גאר א מעלה אז מען מל'ט שפעטער, אז מען קען מקיים זיין די מצוה אליין, און נישט ווען ער איז נולד מהול.

**נאר** מען ווייסט, אז אן מילה קען מען נישט זוכה זיין צו תורה. אזוי שטייט אין מדרש (תנחומא משפטים ה), מגיד דבריו ליעקב (תהלים קמז-יט), נאר פאר יודען וואס זענען געמל'ט ווי יעקב. די גמרא (נדה ל:) זאגט, א ווען א קינד איז נאך במעי אמו, לערנט א מלאך מיט אים כל התורה כולו, און ווען ער קומט אראפ אויף די וועלט, פארגעסט ער וואס מען האט געלערנט. אבער עס שטייט אין הייליגע ספרים (עיין **בנועם אלימלך** בליקוטי שושנה ד"ה משוך), אז עס בלייבט א רושם פון די תורה וואס מען האט אמאל געלערנט. און דאס וואס מען קען היינט לערנען, נעמט זיך פון דעם וואס מען האט אמאל געלערנט כל התורה כולו. אבער די תורה וואס מען האט געלערנט במעי אמו האט א פראבלעם, ווייל מען האט עס געלערנט אלץ ערל, און עס פעלט אינעם חשיבות פון תורה. אבער ווען איינער איז נולד מהול, קומט אויס, אז ער האט געלערנט די תורה מיטן מלאך אויף די העכסטע מדריגה וואס מען האט געקענט לערנען, האט עס א כח אויף שפעטער, אז זיין השגה אין תורה איז א גרעסערע השגה.

**די** גמרא (שבת קטז.) זאגט, חצבה עמודיה שבעה (משלי ט-א), די תורה באשטייט פון זיבן ספרים, ווייל די פרשה פון ויהי בנסוע איז א ספר בפני עצמו. קומט אויס, אז ספר במדבר איז אזוי ווי דריי ספרים, איינס ביז ויהי בנסוע, און ויהי בנסוע, און נאך ויהי בנסוע, און מיט די איבריגע פיר ספרים, איז דא זיבן ספרי תורה.

**ווען** גד איז געבוירן געווארן געמל'טערהייט, האט מען געזאגט 'בא גד', ער איז געקומען אויף די וועלט געמל'טערהייט, און וועגן דעם איז 'בא גד', גד איז זיבן, איז מיטגעקומען מיט אים די תורה, וואס האט אין זיך זיבן ספרים, בשלימות. און אז מען האט אין זיך די כח פון תורה, שטייט די פסוק (ויקרא כו-ח) אם בחוקותי תלכו וגו', ונפלו אויביכם לפניכם לחרב, איז 'בא גד', איז געקומען דער וואס האט אין זיך דעם כח פון וטרף זרוע אף קדקד, אז ער האט געקענט מסלק זיין די שונאים מיט זיין חרב.

*

בשעות אחר הצהרים נסע **רבינו שליט"א** לישיבה קטנה למסור שיעורו היומי.

*

***יום שלישי פרשת ויצא***

בשעות הבוקר נסע **רבינו שליט"א** למאנסי והתפלל תפלת שחרית בבית מדרשנו התאחדות אברכים, אחר התפלה התקיים הברית לבן הנולד אצל הר"ר **בנציון הענדלער** הי"ו. **רבינו שליט"א** נתכבד במוהלות ובברכות וקריאת השם.

אחר הברית נסע **רבינו שליט"א** לקרית יואל, ונתכבד במוהלות אצל שמחת הברית לבן הנולד אצל הר"ר **מרדכי בראדער** הי"ו (ק"י, בן הר"ר **הערשל בראדער** הי"ו - תלמיד ישיבת סאמבאטהעלי), שהתקיים בבית המדרש הגדול דקהל יטב לב בקרית יואל.

אחר הברית נכנס **רבינו שליט"א** לחדרו של **כ"ק האדמו"ר מסאטמאר שליט"א** בבית המדרש, והסיבו למסיבת לחיים לרגל השמחה.

***<u>וזה תוכן השיחה:</u>***

### האדמו"ר מסאטמאר כיבד את רבינו שליט"א במיני מזונות ושתיית לחיים

**האדמו"ר מסאטמאר איחל לחיים ואמר:** איר זענט דאך א מוהל, און אין זוהר הק' (ח"א צה.) שטייט, אז דאס איז אזוי ווי אן עבודה. איר זענט דאך א כהן, דער אייבערשטער זאל העלפן, אז מען זאל קענען טון די עבודה ממש אין בית המקדש.

**רבינו:** איך האב געהערט פונעם **מאטערסדארפער רב זצ"ל**, אז זיין פאטער (**רבי שמחה בונם סופר זצ"ל, בעל מענה שמחה**) איז אמאל געוועון ביים **בעלזער רב, רבי ישכר דוב**. און דער **בעלזער רב** האט אים אויסגעפרעגט מנהגים פון מאטערסדארף. עס איז געוועו אן אלטע קהלה, און צווישן די מנהגים האט ער אויסגערעכנט, אז ווען עס איז געוועו א ברית אין די שטאט, האט דער מוהל אנגעטון א קיטל צום ברית. און דער **בעלזער רב** האט אים געפרעגט, צו ער ווייסט א טעם דערויף. האט ער געזאגט, ניין, אזוי האט מען זיך געפירט. האט אים דער **בעלזער רב** געזאגט, איך וועל אייך זאגן א טעם דערויף, ווייל אזוי ווי א מוהל טוט דאך אן עבודה, וואלט מען געדארפט האבען בגדי כהונה, ער איז דאך אבער א זר, און א זר קען נישט אנטון קיין בגדי כהונה, און מען געפינט ביי משה רבינו אז בשעת ער האט משמש געוועו האט ער אנגעטון א חלוק לבן, זעהט מען אז ווען א זר טוט אן עבודה, טוט ער אן א חלוק לבן, איז וועגן דעם טוט מען אן א קיטל.[א]

**האדמו"ר מסאטמאר:** אזוי, אין מאטערסדארף איז געוועון אזא מנהג?!, איך האב קיינמאל נישט געהערט דערפון, עס איז טאקע אן אינטערעסאנטע מנהג. מאטערסדארף איז געוועון אן אלטע קהלה[ב].

**רבינו:** פון די שבע קהלות. אסאך מנהגי ישראל ווערן אזוי פארגעסן במשך הדורות.

**האדמו"ר מסאטמאר:** אין דייטשלאנד איז געוועון פארשידענע מקומות, און עס איז געוועון איבעראל אנדערע מנהגים. פראנקפורט האט געהאט מנהגים. מען האט נישט היינט קיין השגה אויף דעם. מען געדענקט שוין נישט.

איך האב געקלערט נאך א טעם, פארוואס מען טוט אן א קיטל ביי א ברית. ווייל דער **בני יששכר** ברענגט אין **אגרא דפרקא** (אות קמ"ו), אז מען האט געזאגט פאר אליהו הנביא, אז ער דארף גיין צו א יעדע ברית, און ער האט געזאגט, אז ער קען נישט קומען צו א ברית, ווייל עס איז דא בעלי עבירה. האט מען אים געזאגט, אז מען וועט מוחל זיין פאר א יעדעם איינעם. און אז מען איז מוחל פאר א יעדעם איינעם, איז עס א ענין פון יום כיפור, און וועגן דעם גייט מען מיט א קיטל.

**רבינו:** אין די וויענער קהלה פלעגט מען, אמאל עכ"פ, דער גאנצער ציבור גיין ראש השנה אויך מיט א קיטל.

---

[א] בספר **שמואל בדורו** (תולדות **הגה"צ ממאטערסדארף זצ"ל**) כתוב, שנהגו בעיר מאטערסדארף שהמוהל והסנדק ואבי הבן כולם נהגו ללבוש הקיטל בעת הברית מילה. **והגה"צ ממאטערסדארף זצ"ל** היה רגיל לספר ענין זה בסעודות ברית מילה.

ובסעודה שלישית שבת הגדול תשס"ב ביאר **רבינו שליט"א** בזה מה שאמרו תן חלק לשבעה וגם לשמונה (קהלת יא-ב), ובמדרש רבה (שם) תן חלק לשבעה אלו שבעת ימי המילואים, ולשמונה אלו שמונת ימי מילה ע"כ. והכוונה דבעבודת ימי המילואים היו הקרבת הקרבנות בזר, וכמו כן הוא בשמיני כשמכניס בנו למילה, ולכן בשניהם לובשים בגדי לבן, כמו משה ששימש אז בחלוק לבן. ובזה יובן מה שלובשין בגדי לבן בליל פסח, דכיון שמצות מצה בליל פסח, הוא כעין הקרבת מנחת חינוך, וכל אדם נעשה אז כמו הכהן גדול [ע"ש בארוכה], לכן לובשין בגדי לבן, כמו כל זר העובד עבודה בבית ה'. והוסיף עוד, דמהאי טעמא יש שלובשין קיטל גם בראש השנה, דמבואר בירושלמי (ר"ה ד-ח) ועשיתם עולה לריח ניחוח לה' (במדבר כט-ב) אמר רבי יוסי בכל הקרבנות כתיב והקרבתם וכאן כתיב ועשיתם, אמר להם הקב"ה לישראל, מכיון שנכנסתם לפני בדין בראש השנה ויצאתם בשלום, מעלה אני עליכם כאילו עשיתם עצמיכם לפני עולה ע"כ. והוי גם כן כיום הקרבת קרבן, על כן לובשין חלוק לבן ע"ש.

[ב] **בשו"ת מכתב סופר** (יו"ד סימן כ"ז) בתשובה **להגה"ק רבי יהודא לייב איגר זצ"ל** בעל **תורת אמת** מלובלין כתב בתוך דבריו: ובק"ק מאטערסדארף ביום שיש בו ברית מילה משכימין קצת יותר מבשאר הימים, וכל מנהגי ק"ק מאטערסדארף על פי ותיקין קדושי עליונים: הגאון בעל **פנים מאירות**, והגאון המקובל איש אלקים מורינו **רבי גרשון חיות זצ"ל**, והגאון המקובל האלקי מורינו **רבי ליב בן הגאון רבי שמואל חיים ישעי' זצ"ל**, והגאון הקדוש המקובל מורינו **רבי בער חסיד זצ"ל**, בנו של **הגאון מוהר"ש חסיד** בעל המחבר ספר **תוספות חדשים** על גליון המשניות, ואאמ"ו מאור הגולה **בעל חתם סופר זצ"ל** זכותם יגן עלינו.

**האדמו"ר מסאטמאר:** יא, אין אויבערלאנד איז מען געגאנגען מיט א קיטל ראש השנה אויך. ביי די אשכנזים איז אזוי געווען[ג].

**רבינו:** הושענא רבא אויך[ד].

**א' מהנוכחים:** אין ירושלים איז אויך אזוי, אז הושענא רבה גייט יעדער מיט א קיטל.

**האדמו"ר מסאטמאר:** ראש השנה האב איך געזען אזוי, אז אשכנזישע יודן זענען געגאנגען מיט א קיטל אזוי ווי יום הקדוש. ביי אונז איז געגאנגען מיט א קיטל נאר דער בעל תפלה, און דער בעל תוקע, און דער בעל מקריא. עס איז אלעס הייליגע מנהגים.

**רבינו:** דער בעל מקריא איז אויך געגאנגען?

**האדמו"ר מסאטמאר:** יא. אפילו דער בעל פסוקי דזמרה אויך[ה].

**רבינו:** עס האט כמה טעמים פארוואס מען גייט מיט א קיטל. עס איז נוגע כלפי שנה ראשונה, און כלפי א אבל, צו מען זאל גיין מיט א קיטל[ו].

**האדמו"ר מסאטמאר:** אויך כלפי פסחביים סדר.

**רבינו:** פסח ביים סדר איז מן הסתם אן אנדערע סארט טעם פון יום הקדוש[ז].

**האדמו"ר מסאטמאר:** ביי אונז האט מען נישט געמאכט קיין חילוקים. און מען האט אנגעטון אפילו שנה ראשונה. דער טאטע (בעל **ברך משה מסאטמאר זצ"ל**) האט געהייסען אז מען זאל אנטון. כלפי שנה ראשונה איז דא א תשובה אין **מהר"ם שיק** (או"ח סימן כ"ח).

ביי אן אבל איז אזוי, יום הקדוש אין בית המדרש, יעדער זאל גיין און ער זאל נישט גיין, קוקט עס אויס ווי אבלות בפרהסיא, יעדער גייט און ער גייט נישט.

**רבינו:** דאס איז גוט אויף א אבל, אבער שנה ראשונה איז אן אנדערער טעם.

**האדמו"ר מסאטמאר:** דער **מהר"ם שיק** רעדט וועגן שנה ראשונה. עס איז דא וואס מאכן חילוקים צו ער איז שוין א בן כ' אדער נישט[ח].

**רבינו:** איך האב געהערט נאכזאגען פונעם רבי'ן, אז עס איז געווען מקומות ווי מען האט שנה ראשונה נישט אנגעטון קיין רבינו תם'ס תפילין, און איינער האט געפרעגט דעם רבי'ן, צו ער זאל אנטון צו נישט, האט אים דער רבי געזאגט, ווען איך זאל וויסען, אז דער שנה שניה וועט זיין ביי דיר בעסער, וואלט געווען א שאלה...

**האדמו"ר מסאטמאר:** ביים **קדושת יום טוב** אין ישיבה, האבען געלערנט אונגארישע בחורים. און אין אונגארן איז מען נישט געגאנגען מיט שטריימלעך אזוי יעדער איינער, נאר זייער ווייניג. אבער דער **קדושת יום טוב** האט אנגעטון שטריימלעך פאר די בחורים. אבער נישט פאר יעדעם איינעם צו די חתונה. איינעם האט ער געהייסען צו די חתונה. און איינעם האט ער

---

[ג] ראה **בשו"ת ויען אברהם** (להגאון **רבי אברהם מאיר איזראעל זצ"ל**, סימן ג') שכתב בתוך דבריו: בעת בואי הנה גם אצלי עלה ספק זה בענין תפלת ראש השנה בקיטל, שנהגו כן אבותי ז"ל מדור דור, וקבעתי מקום תפלתי בבית מדרשו של **כ"ק מרן הגה"ק מסאטמאר שליט"א** [זצ"ל], ובקהל חסידים לא נהגו ללבוש קיטל בראש השנה, ופניתי במבוכתי למרן שליט"א אי שרי לי לשנות מנהג אבותי בזה, והורה זקן להתירא, ושפתי צדיק יהגה חכמה, כי גם אבותי ז"ל נהגו לפי מנהג מקומם שישבו בה, ושם נהגו ללבוש הקיטל גם בראש השנה, ואם כן גם עלי לנהוג כמנהג מקומי שלא ללבוש קיטל בראש השנה, והביא סמך לדבריו וכו' ע"ש.

[ד] מנהג לבישת הקיטל ביום הושענא רבה הובא ברמ"א (סימן תרס"ד סעיף א') דיש נוהגים ללבוש הקיטל כמו ביום כיפור, **ובפרי מגדים** (א"א סק"ג) כתב דבמדינתינו נהגו שרק הש"ץ לובש לבנים ולא שאר העם.

[ה] כן כתוב **במטה אפרים** (סימן תקנ"ה סעיף נ"ה), שהמנהג שגם המתפלל פסוקי דזמרה עד המלך לובש הקיטל. וכן נוהגין בבית מדרשינו.

[ו] ברמ"א (סימן תר"י סעיף ד') כתוב ב' טעמים ללבישת הקיטל ביום הכיפורים, הא' לפי שהוא דוגמת מלאכי השרת. והב' שהוא בגד מתים, ועל ידי זה לב האדם נכנע ונשבר. **ובטורי זהב** (שם סק"ג) כתוב דלטעם הראשון אסור לאבל ללבשו, אבל לטעם הב' להכניע לב האדם שייך גם גבי אבל, והסומך על טעם השני לא הפסיד. **ובאליה רבה** (שם סק"ו) כתוב שיתכן דגם לטעם הב' אין לאבל ללבשו, שהרי אין צריך להכניע לבו, כיון שגם בלעדו לבבו נכנע ע"ש עוד.

[ז] **בטורי זהב** (סימן תע"ב סק"ג) כתוב, דטעם לבישת הקיטל בפסח הוא משום דרך חירות. וכתב עוד שהוא כדי שלא תזוח דעתו עליו מפני השמחה. וכתב דהחילוק הוא לענין אבל, דלטעם הב' יש גם לאבל ללבשו, מה שאין כן לטעם הא'. ובספר **ויגד משה** על דיני הסדר (סימן י"ב) האריך בזה בעוד כמה טעמים, ועיין שם עוד לענין לבישת הקיטל בשנה הראשונה, ועיין עוד בזה **בשו"ת מנחת אלעזר** (ח"ג סימן ס"ו), **ובשו"ת דברי יציב** (ח"ב סימן ר"ח, ובסימן רנ"ט).

[ח] **בשו"ת מהר"ם שיק** כתוב, דאולי הטעם הוא משום דאינו בר עונשין עד כ' שנה, וכיון דבן י"ח לחופה נמצא דבשנה הראשונה עדיין אינו בר עונשין, לכן לא שייך לומר שיהיה דומה למלאכי השרת. ואפשר דגם טעם השני שיהא לבו נכנע לא הקפידו בפחות מבן כ' כיון שאינו בר עונשין, וכדי לקבוע ולפרסם שיש מצוה לישא קודם עשרים, הנהיגו הדורות שלפנינו שאפילו בשנה שאחר החתונה שעדיין לא נעשה בן עשרים, אינו צריך ללבוש קיטל, ולהכניע לבו כולי האי, אבל בודאי אין לגעור במי שלובש ע"ש. ועיין עוד **בשו"ת יד יצחק** (ח"ג סימן ר"ד) **ובקצה המטה** (סימן תר"י סקט"ו) שכתבו להקל בזה, בפרט בזמן הזה שרוב נושאי אשה הם מבן כ' כנודע. – ועיין עוד **במחזור דברי יואל** ליוהכ"פ מה שכתב בזה.

געהייסען א יאר נאך די חתונה, און איינעם פינף יאר נאך די חתונה, און פאר איינעם האט ער געזאגט, עס איז גוט אזוי. יעדער איינער לויט זיין מהות. לויט ווי ער האט אפגעשאצט דעם באטרעפנדער.

**רבינו:** נאר פאר די וואס האבען געוואוינט אין סיגוט, אדער פאר אלע תלמידים?

**האדמו"ר מסאטמאר:** אפילו פאר די תלמידים פון די פרעמד אויך. און ער האט געזאגט, אז ווען ער וועט ארויפקומען אין עולם העליון, און מען וועט מיר פרעגן וואס איך האב אויפגעטון אויף די וועלט, וועל איך ענטפערן, איך האב אנגעטון שטריימלעך פאר יודען. עס איז געווען ביי אים א גרויסע זאך. אבער דאך איז נישט יעדער געווען גלייך אין דעם.

**ובירכו רבינו:** דער אייבערשטער זאל העלפען, מען זאל זיך קענען שטענדיג צוזאמקומען אויף שמחות.

**האדמו"ר מסאטמאר:** אמן, א געזונטן ווינטער.

*

בשעות אחר הצהרים נסע **רבינו שליט"א** לישיבה קטנה למסור שיעורו היומי.

בשעות הערב נסע **רבינו שליט"א** למאנסי להשתתף אצל החופה של בת הרב **שמואל באדאנסקי** שליט"א, עב"ג בן הרה"ג רבי **מאיר אייזענבערגער** שליט"א (דומ"ץ שפע חיים צאנז, מאנסי), שהתקיים באולם וויזניץ החדש. **רבינו שליט"א** נתכבד בסידור קידושין.

*

***<u>יום רביעי פרשת ויצא</u>***

בשעות אחר הצהרים נסע **רבינו שליט"א** לישיבה קטנה למסור שיעורו היומי.

בשעות הערב נסע **רבינו שליט"א** לעיר מאנסי, להשתתף בשמחת השבע ברכות שנערך בבית מדרשינו התאחדות אברכים, לכבודו של **הרב שמואל באדאנסקי שליט"א**, לרגל נישואי בתו תחי' למזל טוב.

אחר שהגיע **רבינו שליט"א** להשבע ברכות, פתח הר"ר **יודל פאסטערנאק** הי"ו בדברי תודה והוקרה לאבי הכלה שליט"א על מסירותו עבור הבית מדרש בכל עת ועונה. אחריו נאם אבי הכלה **הרב שמואל באדאנסקי שליט"א** בדברי תורה. אחר כך השמיע **רבינו שליט"א** דברות קודש לכבוד השמחה. עם סיום ברכת המזון עמד **רבינו שליט"א** לרקוד עם החתן והמחותנים, והאציל מברכותיו לבעלי השמחה.

***<u>וזה תוכן השיחה:</u>***

**עס** איז מיר א שמחה אטיילצונעמען היינט ביי די סעודת שבע ברכות, פון מיין חשוב'ן ידיד רבי שמואל זאל זיין געזונט. מיין פערזענליכער ידיד, און א ידיד פונעם גאנצן בית המדרש, וואס אזויפיל יארן זיצן מיר שוין בצלו פון די הרבצת התורה און תפלה פון דעם מקום.

**צוויישן** די שבע ברכות זאגט מען, שמח תשמח רעים האהובים, מען בעהט א תפלה, אז דער אייבערשטער זאל משמח זיין די רעים האהובים, די פאר פאלק, כשמחך יצירך בגן עדן מקדם, אזוי ווי דער אייבערשטער האט משמח געווען אדם הראשון בגן עדן מקדם, ברוך אתה ה' משמח חתן וכלה. מען זאגט א דאפעלטע לשון, שמח תשמח, שמח, דו זאלסט פרייליך מאכן, תשמח, נאכאמאל פרייליך מאכן. און ער געבט א ציור, ווי אזוי זאלן זיי זיין פרייליך, כשמחך יצירך בגן עדן מקדם, אזוי ווי דער אייבערשטער האט משמח געווען אדם הראשון אין גן עדן, אזוי זאל זיין די שמחה ביי די רעים האהובים. און ווי אין גן עדן האט דער אייבערשטער זיי משמח געווען, זאגט ער פונקטליך די אדרעס, 'מקדם', אויף מזרח זייט, דארט איז געווען די חתונה פון אדם הראשון, און אזוי זאל דער אייבערשטער משמח זיין די רעים האהובים.

**עס** קען אפשר זיין, איך האב געטראכט א געדאנק, די וועלט טייטשט דאס וואס מען זאגט, כשמחך יצירך בגן עדן מקדם, אז עס שטייט אין די גמרא (כתובות יז.) אז מען דארף משמח זיין א חתן. און משמחו בדברים, מיט ווערטער (עיין ברש"י ברכות ו:). פארוואס דארף מען משמח זיין דעם חתן?, ער איז נישט געווען פרייליך?. מען האט זיך משמח געווען א גאנצע נאכט, פארוואס דארף מען אים נאך משמח זיין א גאנצע וואך, מיט די סעודות שבע ברכות.

**ביי** א יעדע שידוך וואס א מענטש טוט, טראכט ער אסאך מאל, האב איך געטון די ריכטיגע זאך צו נישט. אפשר וואלט געקענט זיין בעסער פון וואס

איך האב געטראפן, און קען זיין אז דאס איז נישט וואס עס איז מיר געווען באשערט, עס איז נישט צוגעפאסט פאר מיר, וואס וועט זיין דער סוף, ווי אזוי וועט זיך אויסשטעלן די שטוב. ווען מען טוט א שידוך געבט מען היינט ליידער א גרויסע געוויכט אויף מה יאמרו הבריות, וואס וועט די וועלט זאגען, איז עס א גוטער שידוך אדער א שוואכער שידוך. האב איך גוט געטון אדער האב איך נישט גוט געטון. און מען איז קיינמאל נישט צופרידען מיט וואס מען האט געטון.

**ווען** דער אייבערשטער האט געגעבן פאר אדם הראשון זיין זיווג חוה, איז ער געווען זייער צופרידן, ווייל עס איז נישט געווען קיין בעסער'ס. עס איז געווען די איינציגסטע שידוך וואס ער האט געקענט טון. און עס איז אים נישט אנגעגאנגען וואס מענטשן וועלן רעדן, ווייל עס איז נישט געווען ווער עס זאל רעדן, און עס האט פאר קיינעם נישט אינטערעסירט, ווייל עס איז נאך נישט געווען דעמאלטס א וועלט. און אז עס איז נישט דא קיין אנדערער זיווג, איז דאך זיכער אז דאס איז דער זיווג וואס דער אייבערשטער האט אים באשערט, איז די שמחה פון אדם הראשון מיט זיין זיווג חוה געווען אויף די העכסטע מאס שמחה וואס עס קען זיין. ער האט געטון די בעסטע שידוך וואס איז געווען שייך צו טון. ער האט זיכער געטון דעם שידוך וואס דער אייבערשטער האט צוגעגרייט פאר אים, איז ער געווען פריילין.

**זענען** מיר מתפלל, שמח תשמח רעים האהובים, דער אייבערשטער זאל געבן א שמחה פאר די ריעים האהובים, און די שמחה זאל זיין אויף אזא הויכן אופן, כשמחך יצירך בגן עדן מקדם, אזוי ווי עס איז געווען די שמחה ביי אדם הראשון אין גן עדן. - דאס איז איין זיווג וואס די תורה ברענגט צו.

**די** וואך אין די פרשה איז דא נאך א זיווג וואס די תורה ברענגט צו, די זיווג פון יעקב מיט די טעכטער פון לבן. יעקב האט געארבעט זיבן יאר פאר רחל, און צום סוף איז געגאנגען לבן, און ער האט אים אויסגענארט, און ער האט אים געגעבן אן אנדערע זיווג פון וואס ער האט זיך צוגעגרייט, ער האט אים געגעבן לאה. און דעם אנדערן טאג איז ער געקומען מיט טענות צו זיין שווער, וואס האסטו געטון, למה רמיתני (בראשית כט-כה), אנשטאט רחל האסטו מיר געגעבן לאה. זאגט ער אים, מלא שבע זאת, לאמיר קודם ענדיגן די שבע ברכות, ונתנה לך גם את זאת, און נאכדעם וועלן מיר זעהן די צווייטע שידוך. און די פסוק זאגט, אז ער האט אזוי געטון, ויעש יעקב כן, וימלא שבע זאת, אין מערבין שמחה בשמחה (ירושלמי מו"ק א-ז), און נאכדעם האט ער גענומען רחל.

**אויב** עס זאל היינט פארקומען אזא מעשה, אז איינער טוט א שידוך, און ער האט געארבעט פאר דעם שידוך זיבן יאר, נישט מען האט אים אנגעטראגען א שידוך, און פון איין מינוט אויפן אנדערע מינוט האט ער געטראפן א שידוך, און עס האט אים נישט געקאסט א פרוטה, נאר ער האט געארבעט זיבן יאר אז ער זאל צוקומען צו דעם שידוך. און נאכדעם קומט דער שווער, און ער נארט אים אויס, און אנשטאט געבן רחל, האט ער געגעבן לאה. און עיני לאה רכות (בראשית כט-יז), עס איז נישט געווען בדמיון צו רחל. וואלט ער דאך געווען מלא טענות אויף דעם שידוך וואס ער האט געטון. און מען וואלט זיך תיכף די ערשטע נאכט צוקריגט, און עס וואלט נישט געווען קיין שבע ברכות, וואס דארף מען שבע ברכות, איך בין גארנישט בשמחה, עס איז נישטא מיט וואס איך זאל מיך פרייען, מען האט מיך אויסגענארט, איך האט נישט באקומען דאס וואס איך האב געוואלט.

**אבער** יעקב אבינו האט נישט אזוי געטון, מען האט אים גוזאגט, מלא שבע זאת, ויעש יעקב כן, ער האט זיך געפרייט זיבן טאג מיט לאה, איך האב עס נישט גענומען אליין, עס איז זיכער אז מן השמים האט מען אזוי צוגעפירט, דער אייבערשטער האט מיר מזמין געווען אז דאס איז מיין זיווג. א מענטש קלויבט זיך קיינמאל נישט א זיווג אליין, ער מיינט נאר אז ער קלויבט זיך, אבער אלעס פירט מען פון אויבן. און דא האט ער דאך נישט געהאט קיין ספק, אז מען האט עס געפירט פון אויבן, ווייל נישט דאס האט ער אויסגעקליבען. און אויב מען האט דאס צוגעפירט פון הימל, האט ער זיך משמח געווען, און אפגעראכטן שבע

ברכות, און זיך געפרייט זיבן טאג. און נאכדעם אויב מען וועט מסכים זיין צו דעם שידוך פון רחל, וועט ער נעמען רחל. אבער בעצם האט ער זיך נישט געבייזערט, מען געפינט נישט אין פסוק, אז ער האט נישט געהאט קיין שמחה פונעם שידוך וואס ער האט געטון, נאר ער האט זיך געפרייט.

**א יוד דארף גלייבען, אז א יעדע שידוך איז מן השמים. וואס מען מיינט אז עס איז גוט, ווייסט מען דען צו עס איז טאקע גוט. און וואס מען מיינט אז עס איז נישט גוט, ווייסט מען נישט אז עס איז יא גוט. אלעס פירט דער רבונו של עולם, און פאר יעדן מענטש, לויט וואס ער דארף צו האבען, לויט דעם טוט דער אייבערשטער אים מזמין זיין, זיין זיווג. און מען דארף זיין בשמחה בכל אופן.**

**קומט** אויס, אז עס איז דא צוויי ערליי שמחות. די זיווג פון אדם הראשון איז געווען א סארט שמחה וואס ער האט זיך באמת געפרייט, ווייל ער האט טאקע באקומען די בעסטע וואס האט געקענט זיין. און נאכדעם איז געווען א שמחה וואס מען געפינט ביי יעקב מיט לאה, וואס ער האט בפירוש באקומען נישט דאס וואס ער האט געוואלט. אבער ער האט זיך דאך געפרייט, ווייל אז דער אייבערשטער האט אים דאס מזמין געווען, איז א סימן, אז מיט איר דארף איך אויפשטעלן דעם כלל ישראל, און זיי האבען טאקע צוזאמען אויפגעשטעלט דעם כלל ישראל, אשר בנו שתיהם את בית ישראל (רות ד-יא).

**די** שידוך פון אדם הראשון איז געווען אין גן עדן, די שידוך פון יעקב אבינו איז געווען אין קדם, אזוי ווי עס שטייט אין פסוק (בראשית כב-א) וילך ארצה בני קדם. זאגט מען, **'שמח תשמח רעים האהובים', מען איז מתפלל, אז דער אייבערשטער זאל משמח זיין די רעים האהובים, אזוי ווי עס איז. אמאל איז עס 'כשמחך יצירך בגן עדן', אמאל קוקט עס אויס אזוי ווי ווען דער אייבערשטער האט משמח געווען אדם הראשון אין גן עדן. און אמאל קוקט עס אויס, 'מקדם', אזוי ווי דער שידוך וואס איז געווען ביי יעקב, אין ארצה בני קדם. אבער שמח תשמח, ווי אזוי עס איז, דארף א יוד זיין בשמחה. אויב דער אייבערשטער האט אים מזמין געווען דעם זיווג, דארף ער וויסען אז דאס איז דער זיווג וואס איז מן השמים, און איך דארף זיך פרייען דערמיט.**

**ב"ה** ביי די שמחה וואס איז א תלמיד חכם מיט א בת תלמיד חכם, איז דער שידוך נישט מקדם, מען האט גארנישט אויסגענארט, יעדער האט געוויסט וואס מען נעמט, עס איז נאר דא די ערשטע העלפט, כשמחך יצירך בגן עדן, אזוי ווי דער אייבערשטער האט משמח געווען אדם הראשון אין גן עדן, ווען ער האט געטון די בעסטע וואס מען האט געקענט טון, אזוי האט דער חתן דא געטון די בעסטע שידוך וואס ער האט געקענט טון.

*

**מען** געפינט ביי דוד המלך, אז ער איז געווען זייער א גוטער פריינד מיט יונתן דער זון פון שאול המלך. דוד מיט יונתן זענען געווען אוהבים נאמנים. און דער פסוק (שמואל ב א-כו) זאגט, אז דוד האט געזאגט אויף יונתן, נפלאתה אהבתך לי, דיין אהבה צו מיר איז אזוי וואונדערליך, מאהבת נשים, מער פון אהבת נשים. אוודאי מיינט נישט דער פסוק פשט כפשוטו, דוד המלך האט געהאט העכערע כוונות, פון וואס מיר זאלן עס אויסטייטשען אין פשטות.

**מען** זעהט די וואך אין די פרשה, אז יעקב האט זיך גערישט אז מען גייט אים אויסנארן ביים שידוך, און ער האט געגעבן סימנים פאר רחל, אז ער זאל וויסען און דערקענען אז דאס איז רחל, און רחל האט געמאכט א חשבון, אז לאה וועט פארשעמט ווערן, האט זי מוותר געווען אויף איר זיווג, און זי האט איבערגעגעבן די סימנים פאר לאה, און יעקב האט געמיינט אז ער נעמט רחל, ווייל רחל האט איבערגעגעבן די סימנים פאר לאה. און מען זעהט אז ביים חורבן פון בית המקדש, האט רחל פארגעלייגט די טענה פארן רבונו של עולם, אז זי האט געקענט טון אזא זאך, און דער אייבערשטער האט עס נישט געדענקט פאר איר.

**דאס** מסירת נפש וואס רחל האט דא געטון, איז דאך אין לשער. עס איז געווען אן אהבה צווישן רחל און יעקב, א העכערע סארט אהבה איז געווען צווישן זיי, און זי האט זיך שוין גערישט אויף דעם

שידוך זיבן יאר, און מען האט געזאגט, אז די צוויי שוועסטער'ס וועלן נעמען די צוויי ברודער'ס, הגדולה לעשו, די גרעסערע וועט זיין פאר עשו, און די קטנה וועט זיין פאר יעקב, און טאמער לאה האט אויסגעכאפט די שידוך, וועט דאך איר שידוך זיין מיט עשו, און זי וועט דארפן חתונה האבען צו עשו, אבער עכ"פ אזא שידוך ווי יעקב, וועט זי מער נישט טרעפן, ווייל עס איז נישטא נאך אזא מובחר שבאבות אין די וועלט. און יעקב דארף יעצט אויפשטעלן דעם כלל ישראל, און זי וועט פארלירן די חשיבות פון אויפשטעלן דעם כלל ישראל. און פון דעסטוועגן דאך האט זי אלעס מוותר געווען, אז די שוועסטער זאל נישט פארשעמט ווערן. עס איז געווען א געוואלדיגע מסירת נפש פון רחל, אז זי האט איבערגעגעבן די סימנים פאר לאה, און אויפגעגעבן א שידוך וואס גאנץ כלל ישראל וועט ארויסקומען דערפון, כדי זי זאל נישט ווי' טון פאר איר שוועסטער לאה. עס איז א געוואלדיגע מסירת נפש וואס א מענטש געבט אלעס אוועק פון זיך, כדי נישט ווי' צו טון פאר יענעם.

**יונתן** מיט דוד איז אויך געווען אזא סארט אהבה, ווייל יונתן איז געווען דער זון פון שאול המלך, וואס שאול איז געווען דער קעניג, און עס וואלט זיך נאכדעם געקומען די מלוכה פאר יונתן, און דוד האט שפעטער באקומען די מלוכה, און וועגן דעם האט שאול המלך געהאט א שנאה אויף דוד, מען רעדט דאך אין פשטות, אזוי ווייט אז ער האט גענומען דעם חנית און ער האט אים געוואלט הרג'ענען. און יונתן האט געשיצט דוד המלך, און שאול האט אים געזאגט (שם כ-ל), הלא ידעתי כי בוחר אתה לבן ישי לבשתך ולבושת ערות אמך, עס איז נישט פאר דיר, עס איז נישט פאר דיין כבוד וואס דו טוסט, און פון דעסטוועגן דאך האט יונתן אוועקגעקוקט אויף אלע זיינע גרויסקייטן צו זיין א מלך שפעטער, און ער האט מקרב געווען דוד המלך.

**קומט** אויס, אז די אהבה וואס איז געווען צווישן דוד און יונתן, איז געווען אזוי ווי די אהבה וואס איז געווען ביי רחל מיט לאה. רחל האט מוותר געווען איר גאנצן עתיד, פאר די טובה פון לאה, און יונתן האט מוותר געווען זיין גאנצע עתיד פאר די טובה פון דוד. האט אים דוד געזאגט, נפלאתה אהבתך לי, דיין אהבה צו מיר איז אזוי פלא'דיג, מאהבת נשים, אזוי ווי רחל מיט לאה, די צוויי נשים, וואס האבן זיך ליב געהאט, אז רחל האט אלעס מוותר געווען פאר לאה, אזוי איז אויך דיין אהבה צו מיר. (מובא **בשמן ראש** ח"י ויקרא דף קעג, בשם הרמ"ע מפאנו).

**איך** האב געזען שטיין פונעם **חיד"א**, אז די גמרא (סוטה יז.) זאגט, איש ואשה זכו שכינה שרויה ביניהם, ביי אן איש איז דא א יו"ד, און ביי אן אשה איז דא א ה"א. און אז דוד האט געזאגט אזא לשון, אז די אהבה צווישן אים מיט יונתן איז אזוי ווי אהבת נשים, וועגן דעם געפינט מען, אז דוד ווערט אטייל מאל געשריבן מיט א יו"ד, און יונתן ווערט געשריבן יהונתן מיט א ה"א. ווייל דער אייבערשטער האט מטיל געווען א יו"ד מיט א ה"א אין דוד און אין יונתן, ווייל זייער אהבה איז געווען אזוי ווי איש ואשה, וואס איז זכו שכינה שרויה ביניהם, און עס איז דא די שם י-ה, אזוי אויך איז אין דוד און יונתן אויך צוגעקומען די שם י-ה. די אהבה וואס איז געווען צווישן זיי איז געווען אזוי גרויס, אז עס איז געווען שכינה שרויה ביניהם, פון די אהבה זענען זיי צוגעקומען צו השראת השכינה.

*

***יום חמישי פרשת ויצא***

אחר תפלת שחרית התקיים הברית של בן הר"ר **חיים אלי' קליין** הי"ו (החתן הר"ר סיני ווייס הי"ו). **רבינו שליט"א** נתכבד במוהלות ובברכות וקריאת השם. אחר הברית השתתף בהסעודה ונשא מדברותיו.

***וזה תוכן השיחה:***

**די** וואך אין די פרשה, ווען גד איז געבוירן געווארן, האט לאה געזאגט בגד, ותקרא את שמו גד. אין רש"י איז דא מערערע פשטים וואס מיינט בגד, איין פשט זאגט רש"י, בא גד, גד איז א מזל, עס איז געבוירן געווארן א גוטע מזל. די צווייטע פשט זאגט רש"י, אז ער איז נולד מהול. גד איז א לשון פון גדו אילנא (דניאל ד-יא), אוועקשניידען א בוים. גד, ער איז שוין געקומען געמל'טערהייט, אפגעשניטענערהייט, ער האט שוין נישט געהאט אויף זיך א ערלה.

**דער** הייליגער **חתם סופר** זאגט (בתורת משה בפרשתינו קכג.), אז בגד איז צוויי ווערטער צוזאמען, און עס פעלט די אל"ף. זאגט דער הייליגער **חתם סופר**, גד באטרעפט זיבן, און מיט א ב' איז עס ניין, זאגט דער **חתם סופר**, אז עס שטייט אין מדרש, אז גד איז געבוירן געווארן שבת. און אז ער איז געווען נולד מהול, האט מען געדארפט מטיף זיין דם ברית, און די הלכה איז, אז הטפת דם ברית איז מען נישט מטיף אין שבת, נאר א טאג שפעטער, דעם ניינטן טאג. 'בא גד', ער איז געבוירן געווארן דעם זיבעטן טאג, אין שבת, און ער איז 'בא גד', ער איז נולד מהול, איז 'בגד', וועגן דעם האט מען אים מטיף געווען דם ברית דעם ניינטן טאג.

**מען** קען זאגען נאך א טעם פארוואס ער ווערט אנגערופן גד, ווייל מען געפינט ווען מען האט געדארפט אריינגיין קיין ארץ ישראל, האבען די בני גד ובני ראובן געבעטן זייער חלק אין עבר הירדן, און משה רבינו האט זיך אויסגענומען מיט זיי, אז טאמער זיי וועלן אריינגיין מיט יודן צוזאמען אין די מלחמה, דעמאלטס וועלן זיי באקומען עבר הירדן. און גד איז געגאנגען בראש החלוץ, פארנט פון די מיליטער איז געגאנגען גד. און זיי זענען געווען געוואלדיגע גיבורים, אזוי ווי רש"י זאגט, וטרף זרוע אף קדקד, אז בשעת זיי האבען געהרג'ט, האבן זיי אראפגעשניטן פארן פיינט די קאפ מיט די האנט צוזאמען, אז מען האט געקענט דערקענען אויף איינעם וואס מען האט געהרג'ט אין די מלחמה, צו די בני גד האבן אים געהרג'ט. קומט אויס, אז גד זענען געווען בעלי גיבורים, אז זיי האבען געהרג'ט די פיינט, און ווען מען איז ארויסגעגאנגען אין די מלחמה, זענען זיי געגאנגען בראש החלוץ. 'גד' איז טייטש שניידען, און אזוי ווי זיי זענען געווען וטרף זרוע אף קדקד, האט מען זיי גערופן 'בא גד', עס איז געקומען דער שניידער, עס איז געקומען דער וואס קען אויספירן ביי די מלחמה, און ער איז דער וטרף זרוע אף קדקד.

**עס** קען זיין אז די אלע פשטים צוזאמען האבן א שייכות. עס שטייט פונעם **מהר"ל**, אז מען מל'ט א קינד צום אכטן טאג, ווייל די מספר פון זיבן, איז א א זאך וואס האט צו טון מיט טבע. כי ששת ימים עשה ה' את השמים ואת הארץ, וביום השביעי שבת וינפש (שמות לא-יז), די בריאה איז צוזאמגעשטעלט געווארן פון זיבן טאג, איז די מספר פון זיבן, א זאך וואס איז אין די טבע. אכט, דאס ווייזט אז מען איז ארויסגעגאנגען פון די טבע, און מען שטייט למעלה מן הטבע. יודען זענען נישט אונטערגעווארפען אונטער די טבע, אין מזל לישראל (שבת קנו.). האט דער אייבערשטער געהייסען אז מען זאל מל'ן דעם אכטן טאג, צו ווייזען אז מיט דעם וואס מען איז מל א קינד, גייט ער אריין בבריתו פונעם אייבערשטען, און דער ברית וועט אים ארויסנעמען פון זיבן, און אריינטראגען אין העכער, למעלה מן הטבע. אזוי שטייט פונעם **מהר"ל**.

**קומט** אויס, אז גד איז שוין געבוירן געווארן מיט די כוחות פון למעלה מדרך הטבע, ווייל מילה איז לשמונה, און אכט איז למעלה מדרך הטבע. וועגן דעם ווען ער איז געבוירן האט מען געזאגט 'בא גד', 'בא' זעהט מען די וואך אין די פרשה, כי בא השמש (בראשית כח-יא), ווען די זון איז אונטערגעגאנגען זאגט מען 'בא'. גד איז זיבן, דאס ווייזט אויף טבע, 'בא גד', ווען ער איז געבוירן געווארן איז אונטערגעגאנגען דער גד, וואס איז אונטערגעווארפען אונטער דרך הטבע, פארוואס, ווייל 'בא גד', ער איז געקומען געמל'טערהייט, האט ער דאך שוין די כח פון מילה וואס מילה איז לשמונה, וואס איז העכער פון דרך הטבע. און אז ער איז געבוירן חוץ לדרך הטבע, איז 'בא גד', איז געקומען דער וואס וועט זיין וטרף זרוע אף קדקד, ווייל זיינע כוחות וועלן זיין חוץ לדרך הטבע.

*

בשעות אחר הצהרים נסע **רבינו שליט"א** לישיבה קטנה למסור שיעורו היומי. אחר תפלת מנחה מסר **רבינו שליט"א** שיעורו השבועי באור החיים הק'.

בשעות הערב התקיים בבית **רבינו שליט"א** האפשערן של בן הר"ר **אברהם יעקב בראדי** הי"ו (לעיקוואד, בן הר"ר **פנחס דוד בראדי** הי"ו).

אחר כך נסע **רבינו שליט"א** לבארא פארק והשתתף אצל השבע ברכות של בן הר"ר **שלמה יהודה גראזינגער** הי"ו (ב"פ), עב"ג בת הר"ר **יצחק שרגא ליבער** הי"ו (ב"פ), שהתקיים באולם סקאליע.

אחר השבע ברכות מסר **רבינו שליט"א** שיעורו השבועי באור החיים הק', בבית מדרשינו זכרון יהודה.

אחר השיעור השתתף **רבינו שליט"א** אצל הבר מצוה של בן הר"ר **יואל עקשטיין** הי"ו, שהתקיים באולם בית שרה.

אחר כך חזר **רבינו שליט"א** לוויליאמסבורג והשתתף אצל החתונה של בת הר"ר **יעקב יוסף שמעלצער** הי"ו (ב"פ), עב"ג בן הר"ר **יוסף טובי' לעפקאוויטש** הי"ו (וומסב"ג), שהתקיים באולם ראוז קעסטל. **רבינו שליט"א** רקד עם החתן והמחותנים, והאציל מברכותיו לבעלי השמחה.

*

***<u>שבת קודש פרשת ויצא</u>***

בליל שבת קודש ערך **רבינו שליט"א** באטע בבית המדרש סאמבאטהעלי. **רבינו שליט"א** השמיע דברי תורה בעניני הפרשה, וסיפר כמה סיפורים **מהרה"ק רבי אהרן מטשערנוביל זי"ע**, **ומהרה"ק רבי אברהם דוב מאווריטש זי"ע** בעל **בת עין**, שיומא דהילולא שלהם חל בשבוע זו. בברכת המזון נתכבד **הרה"ג רבי יואל הלברשטאם שליט"א**.

במוצאי שב"ק השתתף **רבינו שליט"א** אצל המלוה מלכה לטובת הישיבה מנייטרא (טשעסטער), שהתקיים באולם קאנטינענטאל.